מאַקס עריק

1. מיר אָפּערירן אין דער דאָזיקער אַרבעט מיט 5 וואַריאַנטן פון דער „דער גאָלדענער קייט":

A. דער עלטסטער באַקאַנטער וואַריאַנט איז געשריבן העברעיש א. ט. „חורבן בית צדיק" און איז אָפּגעדרוקט אינם „השלוח" 1903 — XI—XII. B. דער ערשטער יידישער וואַריאַנט האָט געהייסן „דער נסיון" און איז צו אונדז נישט דערגאַנגען. די איינציקע ידיעה, וועלכע מיר האָבן וועגן אים, איז בעל מחשבות'נס ו... רעצענזיע פון דער אויפפירונג אינם וואַרשעווער טעאַטער „זשאַרדין ד'היווער" דאָנערשטיק דעם 13/26 אַפּריל 1906; „דער נסיון" איז ווייזט אויס קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן — מן הסתם צוליבן שוואַכן ערפאָלג פון דער אויפפירונג. בעל-מחשבות'נס רעצענזיע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינם נ. 1 פון „דאָס יידישע פאָלק" דעם 15/28 מאַי 1906, אַלזאָ אַ חודש נאָך דער אויפפירונג. C. דער צווייטער יידישער וואַריאַנט טראָגט דעם נאָמען „די גאָלדענע קייט" — אַ „דראַמע פון חסידישן לעבן. אין דריי אַקטן. אין ווייכן פערז געשריבן, פון י. ל. פרץ" — געדרוקט אינם זאַמלבוך „די וועלט" נ. 2, 1907. D. דער פערטער אַלגעמיין-אָנגענומענער וואַריאַנט פון דער „גאָלדענער קייט" איז אָפּגעדרוקט אין „אַלע ווערק פון י. ל. פרץ — דריטער באַנד, דראַמען", 1910, פאַרלאַג „פּראָגרעס". ער מוז שטאַמען שפּעטסטנס פונם יאָר 1909. דער טיטל „די גאָלדענע קייט (אַ חסידיש פאַמיליען-דראַמע). אין ווייכן פערז". די אַמעריקאַנער אויסגאַבע פון אַלע ווערק פּרץ'ס — פאַרלאַג „יידיש", 1920, ניו-יאָרק, IX באַנד — האָט איינפאַך איבערגעדרוקט דעם דאָזיקן וואַריאַנט. E. דער פינפטער וואַריאַנט איז אָפּגעדרוקט אין קלעצקינס אויסגאַבע „י. ל. פרץ. דראַמען", ווילנע, 1922 און מוז שטאַמען פון די לעצטע יאָרן פאַרן קריג — 1912/1. אַ פראַגמענט פון דעם וואַריאַנט — שפּעטער ווידער

איבערגעאַרבעט — איז געווען געדרוקט אין „דאָס בוך" כסלו תרע"ב, I העפט, בערלין, רעד. אַ. וויעוויאָרקאַ (אַ פראַגמענט פונם II אַקט). צוזאַמען: 1 העברעישער — געדרוקטער — וואַריאַנט און 4 — דריי געדרוקטע — יידישע וואַריאַנטן. די וואַריאַנטן A און B ציילן צו 4 אַקטן, אַלע דריי איבעריקע וואַריאַנטן — צו 3 אַקטן. די אידיי און די ערשטע סקיצן פון דער „גאָלדענער קייט" זענען אַלזאָ אנטשטאַנען נישט שפּעטער ווי סוף 1902.

2. רעזיומירנדיק בעל-מחשבות'נס רעצענזיע, באַקומען מיר אַזעלכע ידיעות וועגן דער קאָנסטרוקציע פונם וואַריאַנט B („דער נסיון"): דער אינהאַלט איז טיילווייז געווען אַ באַאַרבעטונג פונם העברעישן „חורבן בית צדיק". דער ערשטער אַקט שפּילט זיך אָפּ ראש-השנה, די חסידים קערן זיך אום פון תשליך צום רבינ'ס הויף; דעם רבינ'ס סוכה שטייט אָפּגערוקט אין אַ זייט פון רבינ'ס גאָרטן האַלב איינגעהילט אין די שאָטנס פון די געדיכטע הונדערט-יעריקע בוימער. די סוכה איז דער מקום-קדוש, וואו דער רבי — ר' מענדעלע — קעמפט מיט מלאכים און שרפים, פירט דורך זיין רצון ביי פמליא של מעלה און אין יחוד מיט דער שכינה איז ער אויך מיחד גאָט מיט דער וועלט און די וועלט מיט גאָט. די סוכה, דער קודש-הקדשים פון דער חסידישער וועלט. ווערט באַנוצט צו ליבע-באַגעגענישן צווישן דעם רבינ'ס איניקל לאה און דעם שטאָטישן אַפּטייקער. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, פאַרשעלט ר' מענדעלע זיין איניקל און באַגראָבט זי לעבעדיקערהייט אין אַ פינצטערן קעלער.

אין צווייטן אַקט זעען מיר שוין אַן אַנדער הויפּט-פּיגור. דער אַלטער ר' מענדעלע איז געשטאָרבן, זיין זון דער יורש איז צופרעסן פון טויזנטער ספקות. ער קאָן שוין נישט פירן זיין שטעל מיט דער אייגענער אינעווייניקסטער גאַנצקייט, ווי זיין פאָטער. ער צווייפלט אין זיין צדיקישער פאַרמיטלונגס-קראַפט צווישן מענטשן און גאָט. ער איז אַ שוואַכער קרענקלעכער מענטש, אויף זיין האַרצן ליגט נאָך דערצו ווי אַ שטיין דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט זיין לאהן. צוגלייך מיט אַלע אַנדערע מיינט



ער, אַז זיין טאָכטער איז שוין פון לאַנג אָן טויט. ערשט אין זייער אַ שווערער מינוט, בעת ער איז שוין גרייט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן און פאַר אַלע זיינע חסידים בפני כל עם ועדה אַרויסצוזאָגן די ספקות, וואָס דריקן אים, און זיך אָפּצוזאָגן פון צו זיין אַ צדיק ביי זיינע חסידים — אָט אין אַזאַ מינוט ברענגט מען אים די באַפרייטע לאה. דער שוואַכער גוף און די קראַנקע נשמה האַלטן דאָס נישט אויס און ער שטאַרבט.

דער דריטער אַקט ברענגט אונדז שוין ווידער אַ נייע הויפּט-פּערזאָן — לאה'לעס ברודער, ר' מענדעלעס איניקל. ער איז שוין גאָר אַוועק פון זיינע חסידים, ער האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער כהונה, ער איז שוין אַן איידעם ביי אַ פרומען מתנגד, זיין לעבן פליסט שוין צווישן ליטער מתנגדים און ער איז צופרעסן פון ספקות, און אַלץ אַרום אים, וואָס איז אים טייער און ליב, ליידט פון אַן אינעווייניקסטן צווייפל. זיין שוועסטער לאה, וואָס האָט באַקומען איר אָפּגאָט ביים אַפּטייקער, האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז דער אָפּגאָט איז אַ פּראָסטער גראָבער גפש, וואָס גיסט צו וואַסער צו פליסיקע סחורות און מעל צו שיטערע, און זי לעבט שוין באַזונדער פון מאַן ביים ברודער אין הויז, ווי ער אַליין אין שווערס שטוב, אָפּגעזונדערט פון דער חסידישער וועלט. נאָך דרייט זיך אַרום אים, ר' ישראל, דער אַמאָליקער גבאי ביים זיידן. ער הערט אים אָבער נישט. ער וויל שוין צו זיין כהונה זיך נישט אומקערן. מאַכט זיך אָבער אַן אומגליק, אַז זיין רייכער שווער ווערט פלוצלינג אַן אביון, און דער העלד פון דריטן אַקט (בעל-מחשבות האָט שוין ווייזט אויס נישט געדענקט זיין נאָמען. מ. ע.) ווערט פון דאַסניי אַ צדיק ביי זיינע חסידים.

אין פערטן אַקט זעען מיר שוין אים ביי פדיונות-נעמען. ער ליידט דערפון יסורים, ער קאָן נישט פאַרטיק ווערן מיט זיינע ספקות, און אַז זיין געליבטע שוועסטער לאה'לע הויבט אַן צו פילן, אַז סקומט אויף איר אָן דער אַלטער שגעון (וואָס זי האָט געהאַט אין קעלער), הויבט זיך אין אים אויף אַ געמיש פון טויזנטער האָפנונגען און ספקות. צום לעצטן מאָל פּרוּווט ער זיך

איבערצייגן: צי איז ער באמת דער, וואָס איז געשטעלט צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטשן. ער מאַכט דעם לעצטן נסיון. ער פּרוווט אויס זיין אייגענע קראַפט אינאיינעם מיט דער קראַפט פון זכות אָבות, און בעט ביי גאָט אַ נס פאַר זיין שוועסטער לאה. מיט אַ ספר תורה אין דער האַנט, ביי אָנגעצונדענע ליכט, אין אַ שול פאַר אַ הויפן חסידים, רעדט ער אויס זיין האַרץ פאַרן רבש"ע, רעדט מיט אים הויך פאַר לייט, ווי אַמאָל אין סוכה דער אַלטער ר' מענדל, שטיל און פאַר זיך, רעדט מיט האַפנונגען און מיט צווייפל, פּרוווט גאָט, פּרוווט זיך, מאַכט דעם לעצטן נסיון... און אַז דער נסיון האָט צו קיין זאַך נישט געפירט, פאַלט ער אריין אין אַ ווילדע כפירה. (דער דאָזיקער אַקט אַל לויט בעל־מחשבות'ן זיין געשריבן אונטערן איינפלוס פון ביערנסאָנס „איבער אונדזער קראַפט" I טייל),

3. דאָס איז דער אינהאַלט פונם „נסיון", אַזוי ווי בעל־מחשבות גיט אים איבער. אין דעם דאָזיקן וואַריאַנט זיינען געבן געוואָרן: לאה און דער אַפּטייקער (דר. בערגמאַן), אַזוי ווי זיי וועלן דורכגיין אַלע שפּעטערדיקע וואַריאַנטן, אונטער דעמזעלביקן ווינקל און דערזעלביקער קעגנזייטיקער באַציונג. ס'איז אויך דאָ — און אויך ער וועט נישט פאַרענדערט ווערן — ר' ישראל, ר' מענדלס גבאי. אינם הויפּט־העלד פונם צווייטן אַקט קאָן מען לייכט דערקענען דעם שפּעטערדיקן משה — סיי לויט זיין חולשות און אָפּהענגיקייט, סיי לויט זיין שטרעבן זיך מתודה זיין פאַר די חסידים. אינם וואַריאַנט C וועט עס הייסן (III אַקט):

מ ש ה

...און איך פאַל... פאַל.

(שפּרינגט אויף).

רופט מיר דעם עולם אַריין!

עפנט די טיר —

כ'וויל זיי זאָגן...

(בעט זיך)

כ'מוז... איך מוז...



אַ ייד מוז ערלעך זיין...

אין די וואַריאַנטן D און E:

מ ש ה

(בעט זיך ביי ישראלן, ביי אַלע אַרום)

לאָז אַריין...

לאָזט אַריין דעם עולם צו מיר...

לאָזט מיך פאַרן עולם

כורעים פאַלן,

מודה זיין...

מתודה זיין...

אַ ייד מוז דאָך ערלעך זיין!"

דער אייניקל — לאה'ס ברודער — איז טיילווייז דער פּראָטאָטיפּ פונם שפּעטערדיקן יונתן. בלויז טיילווייז. ער איז נאָך אין B דער „בעל נסיון" — שפּעטער ווערט ע ס איבערגעטראָגן אויף משה'ן, און יונתן איז דער, וואָס דערלאָזט אים נישט פּרוון גאָט. אין דעם איצטיקן וואַריאַנט האָט יונתן אַ סך געמיינזאַמע שטריכן מיט זיין פאָטער; ער איז דער טרעגער פון דער ווייטערדיקער שטופּע פון צעפאַלונג; דעם פאָטערס ספקות צעוואַקסן זיך און דערווייטערן אים פון חסידות — דערנאָך קערט ער צוריק, בכדי צו ווערן אַ כופר - בעיקר נאָכן נסיון. ס'איז די לעצטע שטופּע פונם באַרג אַראָפּ פון אַ רביישן הויז. דער דאָזיקער טיפּ איז אַלנפאַלס נענטער געווען צו משה'ן, ווי צום שפּעטערדיקן יונתן.

ווער איז ר' מענדלע? ענטוועדער דער פּראָטאָטיפּ פונם שפּעטערדיקן פּנחס — אויף וואָס ס'קאָן מעיד זיין דאָס אַריינוואַרפן פונם אייניקל לאה'ן אין קעלער; אָדער ווי עס איז וואַרשיינלעכער, אַ קאָמבינירטער טיפּ פון שלמה — פּנחס (דערויף קאָן מעיד זיין בעל מחשבות'גס רייד וועגן דער „אימפּראָוויזאַציע" אין דער סוכה).

ווילכטיק איז, אַז אין דעםדאָזיקן וואַריאַנט זענען שוין אָנגעצייכנט געוואָרן די צוויי הויפּט פּונקטן פון דער „גאָלדענער קייט": די שפּעטערדיקע „אימפּראָוויזאַציע" פון שלמהן, וועלכע בעל מחשבות כאַ-

יאקטע־יזירט מיט די ווערטער: „דער רבי קעמפט מיט די מלאכים,
און שרפים, פירט דורך זיין רצון ביי פמליא של מעלה און אי
יחוד מיט דער שכינה איז ער אויך מיחד גאָט מיט דער וועלט
און די וועלט מיט גאָט", — און דער „נסיון" פון משהן.
וואָס גיט דער דאָזיקער וואַריאַנט נ י ש ט ? ער גיט גאָך נישט
די אַ נ ט י ט ע ט י ש ק י י ט, וואָס צייכנט זיך אָן שוין אינם ווא
ריאַנט C און וואַקסט אויס שאַרף און בולט אין די וואַריאַנטן D
און E און ווערט די וויכטיקסטע אידיי פון דער „גאָלדענער קייט"
ווערט איר קאַנאָן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער עוואָלו־
ציע פון דער ירידה פון אַ אידיי, — נאָך נישט מיט אי
דיאַלעקטיק. נישט דורות, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן איינע
דעם אַנדערן, נאָר דורות, וואָס ווערן געפאַלן און געמינערט אי
גייסט און ענטוזיאַזם. ווייטער כאַראַקטעריזירט די דראַמע איר רע
אַליזם — כאָטש בעל מחשבותנס חוש דיקטירט אים דעם פראַקט־
פולן פראָגנאָז: „נאָך מער בין איך בטוח, אַז פרצס „נסיון" אי
נישט קיין דראַמע אין געוויינלעכן זין, איז אויך נישט קיין שיל־
דערונג פון חסידישן לעבן, איז בכלל נישט קיין טעאַטער־שטיק,
נאָר עס איז גראָד אַזאַ מין סימבאָלישע זאַך, וואָס וויל אויסדריק
אַן אַלגעמיין — מענטשלעכן שמערץ אין מלבושים פון יידישן לע בן
בעל־מחשבותנס רעצענזיע איז נישט גינסטיק, נישט פאַ
דער זאַך, נישט פאַר דער זייער שלעכטער אויפפירונג. דער טעא
טער איז געווען געשפּאַקט.
4. ווענן דער באַציונג פונם „נסיון" צום „חורבן בית צדיק
שרייבט בעל־מחשבות; „דער אינהאַלט פונם שטיק איז דעם העב
רעישן לעזער טיילווייז באַקאַנט פון פרצס „חורבן בית צדיק
(השלוח). איך זאָג ט י י ל ו ו י י ז —, ווייל אין דער זשאַרגאָנישע
באַאַרבעטונג האָט דאָס שטיק סוף־כל־סוף באַקומען אַ נייעם פנים,
עס איז אויך צוגעקומען אַ פערטער אַקט". עס שטעקט אין דעם
פאַרמעלער פעלער. וואָרום „חורבן בית צדיק" האָט אויך געהאַ
אַ פערטן אַקט. אָבער נאָר אַ פ אָ ר מ ע ל ע ר פעלער.
וואָרום, אָנהויבנדיק פונם צווייטן אַקט, אונטערשיידט זין
נישט די פאַבולע פונם „נסיון" — אַזוי ווי בעל־מחשבות גיט



איבער — פון דער פאַבולע פונם „חורבן בית צדיק". דער „נסיון"
איז אַן איבערגעאַרבעטער „חורבן בית צדיק" מיט צוויי גרעסערע
ענדערונגען: ערשטנס — קומט צו אַ נייער — ערשטער — אַקט, וואָס
פירט אַריין ר' מענדלען — אַ נייעם, עלטסטן גליד אין דער גאָל־
דענער קייט. וואָרום „חורבן בית צדיק" הויבט זיך אָן באַלד
מיט אַ געשטאַלט פון אַ רבין, ר' יחיאלן, וואָס דעקט זיך פסיכאָ־
לאָגיש פולשטענדיק מיטן רבין פונם צווייטן אַקט פונם „נסיון" —
דעם שפּעטערדיקן — ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט — משהן פון
די וואַריאַנטן E, D, C. יחיאל איז דער עלטסטער משה־טיפּ.
צוויי ציטאַטן וועלן עס בולט מאַכן:
(יחיאל דערציילט, אַז ער האָט געהאַט עלית שמים) — (צי־
טירט מיט השמטות).
.... ואחר כך, כשנשאתי את עיני, וראיתי את העומדים עלי,
את הקהל הגדול והנורא, — רבונו של עולם! כשראיתי את העטופים
טליתות לבנות כמלאכים, את העינים הדולקות כאבוקות, ככוכבים,
כאור שבעת הימים, — התעליתי למעלה־למעלה... ונגלו אבני שיש
טהור, ונגלה מראה לבנת חספיר — ומלאכים משם יחפזון... ונפתחו
שערי גן־העדן, ואבותי מביטים עלי משם... ואני צורח — והנה ירד
אבי זצו"קל — בעיני ראיתי — ועף לימיני, ואבי זקני זצו"קל —
לשמאלי... ואנחנו עפים, טסים — הללויה, הללויה!!!
... ופתאום נקודה... וגדלה, והיתה לחומר עכור, לחומר כבד,
לצער, למשא כבד של צער, שאי אתה יכול לשאתו, לסבול אותו...
והרגשתי, שהנטל הזה מוריד אותי משאתי, שאני נמשך למטה,
שאני יורד, צולל, טובע"...
און איצט אַ פּאַראַלעלע ציטאַטע צו די פריערדיקע:
יחיאל:
... קרא להם! קרא לכלם! יבואו הנה! יבואו נא! גם כן אלך
אליהם... אתודה לפניהם! אכה על לבי ואתודה... אומר להם: רבותי:
אני בעצמי מטופק... רבותי, איני יודע ולא כלום... בואו וראו
אני חלש, אני תולעה"..
די צ ו ו י י ט ע ענדערונג באַשטייט אין דעם, וואָס די ער־
שטע צוויי אַקטן פונם „ח. ב. צ." זענען צוזאַמענגעצויגן געוואָרן

אין איין אַקט — דעם צווייטן אַקט פונם „נסיון". ס'איז געווען [
ריכטיקער אויפטו: וואָרום דער ערשטער אַקט פונם „חורבן בי
צדיק" איז אומגעהייער שוואַך: ער האָט אַבסאָלוט קיין שום אַקצי
נישט. ר' יחיאל טרעט ערשט אויף אינם צווייטן אַקט. דער אַק
באַשטייט בלויז אין צוגרייטנדיקע געשפּרעכן פון עפּיזאָדישע גע
שטאַלטן: פון ישראל דעם גבאי, פון דבורהן—יחיאלס צווייט
ווייב, פון ציפּען דער דינסט, חסידים, מקורבים א. אַ. וו., און
פון וועלכע מיר דערוויסן זיך וועגן דער חולשת פון יחיאלן, פו
זיין טרויער און בענקשאַפט צו דער טאָכטער פייגל, וועלכע זיצ
פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער צוליב דער ליבע צום אַפּטייקער. פאַר
שפּאַרט האָבן זי, ווייזט אויס, די מקורבים.

אינ'ם „חורבן בית צדיק" טרעטן אַלזאָ אויף צוויי גלידער
פון דער קייט: ר' יחיאל, וואָס איז די צענטראַלע פיגור פון ד
ערשטע צוויי אַקטן, און ר' יונתן, זיין זון, פייגלס ברודער, וואָ
שפּילט די הויפּטראָלע (ווי אין B) אין די לעצטע צוויי אַקטן. מיר
ברענגען דאָ צום פאַרגלייך די נסיון-תפילה פון יונתן אינ'ם 4 אַקט
פון „ח. ב. צ.":

„אבי זכרונך בכאן לברכה! אבי! בנך יחידך, אשר עזבת
לאנחות, קורא אליך! אם אמת הדבר, שהיית מה שאמרו עליך ויע
לך שם איזו דעה — בקש רחמים!

זקני! כל העולם כלו מספר נפלאותיך! מפי עוללים ויונקים
תשמע תהלתך! קדוש עליו, בוציגא קדישא, מבטל גזרות, מצורו
רחמים— אם אמת הדבר—עלה והשתטח לפני כסא כבודו ובקש רחמים

אבי זקני מלאך אלהים! יושב בסתר, בצל שדי, לומד תורה
מפי אלהים בעולם הזה ומגלה סתרי תורה לצדיקי עולם בעולם הבא
אוהב ישראל! הלא אבדת את חלקך בגן-עדן בשביל ישראל! אבדת
והחזירוה לך! ויושב אתה שם בין אראלים ושרפים על כסא רם ונשא.
קום מכסאך, הרימה את הכתר מעל ראשך, לך ונפול על אפיך לפנ
שופט כל הארץ—ועשה משפט! ואם חטאה בת-בן-בנך—בקש רחמים

אני האחרון בשלשלת. אני האחרון פה... אני קורא לכלכם
לכל המרגליות הטובות בכתר הקדושה... אני משתטח לכניכם, אני
מתאבק בעפר רגליכם, אני מנשק כפות רגליכם: הצילו אותה, אח



אחותי... והצילו אותי... אותי, כל זמן שלא כבה בי הנצוץ האחרון, הזיק האחרון... הראו, הגלו, תנו לי אות, שאני מונה ומרמה את הבריות, כי, אם לא תראו ולא תגלו ולא תתנו אות—אז—אני רמאי...

ואם אני רמאי—גם אבי היה רמאי...
גם אבי, גם זקני, גם אבי זקני...
כל השלשלת, כל השלשלת.

(ישראל שרייט דאָ אויס: פושע באלקי ישראל!!)

(מען לייגט יונתנען אריין אין חרם-זיין משוגענע שוועסטער פייגל שרייט „קוקוריקו"!)

5. מיר ברענגען דאָ א פאַרגלייכנדיקע גענעאַלאָגישע טאַבעלע, וואָס פּרוווט קלאָר מאַכן די עוואָלוציעס, וועלכע די טיפּן פון דער „גאָלדענע קייט" האָבן דורכגעמאַכט אין אַלע 5 וואַריאַנטן. נישט אַלע נעמען פון וואַריאַנט B זענען אונדז—צוליב די אַגגעריזענע טעמים — באַקאַנט.

די טיפּן-ריי פונם וואַריאַנט D, וועלכע איז אממייטטן אָנגענומען, וועלן מיר רופן „קאַנאַנישע ריי" (קאַנאַנישער שלמה קאַנאַנישער פּנחס א. אַ. וו).

ווי מיר זעען — ענדערט זיך לחלוטין נישט ישראל גבאי, עס ענדערט זיך אפילו זיין נאָמען נישט — ס'איז די פאַרקערפּערטע אינערציע פון דער גאָלדענער קייט, — די מגושמדיקע פאַרקערפּערונג פון איר גרויסער קאָנטינואיטעט-אידיי. עס ענדערן זיך ווייניק מרים, לאה (ביי דער לעצטער — ענדערט זיך דער נאָמען). יונתן אלס ברודער לאה'ס עקזיסטירט פון דער ערשטער קאָנצעפּציע אָן. אין דער ערשטער קאָנצעפּציע פון דער „גאָלדענער קייט" איז שוין געגעבן די דאָזיקע פּאָר פון ברודער און שוועסטער. דער קאַנאָנישער יונתן האָט ווינציק געמיינזאַמעס מיטן יונתן פון די פריערדיקע וואַריאַנטן. דער קאַנאָנישער משה איז א פּראָדוקט פון צונויפגיסונג פון יחיאלן און יונתן. די קאַנאָנישע שלמה און פּנחס — וואַרשיינלעך פּראָדוקטן פון דער שפּאַלטונג פון ר' מענדלען. שלמה, פּנחס, יונתן זענען אַלזאָ די יינגסטע טיפּן אין דער גאָלדענער קייט".

אַנדערש געזאָגט: די אידיי פֿון A און B איז געווען דער חורבן, די ירידה פֿונם צדיקישן הויז און גלויבן. פֿונם וואַר־אַנט C אָן, טרעט אויף אַ נייע אידיי אין דער „גאָלדענער קייט".

6. בעל מחשבות'ס באַמערקונג וועגן דעם איינפֿלוס פֿון ביערנסטערנע ביערנסאָנס „איבער אונזער קראַפֿט I" איז ריכטיק. לאָמיר דערמאָנען דעם תמצית פֿון דער דאָזיקער שיינער דראַמע. עס האַנדלט זיך וועגן דעם מהות פֿונם נס. אַ נס קומט דאָך געוויינלעך סטיכיש, ער בליט אויף פּלוצלינג, דער רעזולטאַט פֿון איין נישט ערוואַרטעטער סעקונדע—ער איז אין דער דאָזיקער רגע אַן אייזערנע נויטווענדיקייט און דער באַטירלעכסטער אויסגאַנג. צי קאָן מען פֿאָראויסזען נסים? צי קאָן זיין אַ נס דער רעזולטאַט פֿון אַ באַוואוסטזיניקער גלויבנסאָנשטרענגונג? און אָט איז דער פּאַסטאָר אַדאָלף סאַנג אַ באַוואוסטזיניקער בעל־נס. ס'איז אַ ליכטיקע, שמחהדיקע און גאַנצע געשטאַלט — די פֿאַרקערפּערונג פֿון גלויבן. צוערשט האָבן נסים כמעט ווי צופֿעליק, אומבאַוואוסטזיניק באַגלייט זיין טעטיקייט; ווי פֿאַרבאָרגענע בלימלעך, וועלכע הייבן פּלוצלינג אויף די קעפּלעך פֿונם גראָז. און דערנאָך איז עס געוואָרן אַ סיסטעם. בלויז זיין אייגענער קראַנקער פֿרוי איז פּאַסטאָר סאַנג נישט אימשטאַנד צו העלפֿן; וואָרום זי שטעלט זיך אַנטקעגן זיינע אַלע פּרוּוון — איר געפֿעלט נישט זיין גאַנצער מעטאָד: ס'איז פּרוּוון גאָט. „אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן: ווען דו וואַרפֿסט זיך אַליין אין ים אָדער וואַרפֿסט דאָרט אַריין דיין קינד. — דאַן איז עס אין מיינע אויגן מער ווי גלויבן — דאָס הייסט פּרוּוון גאָט (יונתן וועט אָפּשטעלן משה'ס „נסיון" מיט די ווערטער: „מען טאָר נישט פּרוּוון גאָט"). און דאָך באַשליסט דער פּאַסטאָר סאַנג מיטן כח פֿון זיין תפֿילה אויסהיילן זיין פֿרוי. ער שרייבט צו זיינע צוויי קינדער — אליהו און רחל — זיי זאָלן קומען פֿון דער שטאָט, וואו זיי לערנען זיך; זיין פּלאַן באַשטייט אין דעם, אַז ווען זיין פֿרוי קלאַראַ וועט איינשלאָפֿן און וועט נישט קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד זייערע באַמיונגען, וועלן זיי אין דרייען שאַפֿן אַ תּפֿילה־קייט אַרום דער קראַנקער און אויסווירקן דעם נס. די קינדער



Bjørnson, B.
Norwegian 1832-1910
Beyond Our Power
(1883)

קומען אָבער צופֿאָרן מיט אַן אָפּגעשוואַכטן גלויבן, מיט אַסך ספֿקות. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַ חוץ אפֿשר זייער פֿאָטער איז קיין קריסטן אויף דער וועלט נישטאָ. און סאַנג טרעט אַליין צו צום נסיון און גייט אַוועק אין דער קירך און זינגט צו גאָט און איז מתפּלל. און דער נס איז פֿאָרגעקומען, דער פּאַסטאָר פֿאַלט אָבער טויט...

די אידיי פֿונם „נסיון" וועט ווערן אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער „גאָלדענער קייט" אין אַלע איר'ע וואַריאַנטן (דער לעצטער אַקט).

ס'איז אָבער אויך קלאָר, אַז פֿון ביערנסאָנס פּיעסע זענען אַראָפּגעשוואומען די ערשטע קאָנטורן פֿונם ברידערלעכן פּאָר פֿון לאהן און יונתן. די דאָזיקע צוויי געשטאַלטן — ווי אליהו און רחל — וועלן תמיד בלייבן פֿאַרבונדן מיט די שטילע זכרונות פֿון אַ וואונדערבאַרער קינדהייט, וואָס איז געפֿלאָסן צווישן מענטשן נישט־טאָגטעגלעכע, מענטשן געוואַלטיק־ריינע, אין דער אַטמאָספֿער פֿון אומגלויבלעכע געשעענישן, וואָס פֿלעגן אויסוואַקסן ווי פֿון זיך סטיכיש, קאַנטיק און שטאַרק.

7. אַ רייכע, פֿאַרפֿלאָנטערטע פֿאַבולע — און אַ מאָנאָטאָנישע אָרעמקייט און איבערחזרונג פֿון די טיפּן—, דאָס זענען די גרונט־שטריכן פֿון די ערשטע צוויי וואַריאַנטן. פּרצ'ס אַרבעט אין די ווייטערדיקע דריי וואַריאַנטן וועט גיין אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג: פֿאַריינפֿאַכן די אַקציע און אויסבויען שטאַרקער, דיפֿערענצירטער די טיפּן. פֿונם דריטן וואַריאַנט אָן (C) וועט שוין די „גאָלדענע קייט" האָבן צוויי גרונט־מאָטיוון: דער מאָטיוו פֿונם אונטערגאַנג פֿונם רביישן הויז, וואָס וועט פֿון וואַריאַנט צו וואַריאַנט אַלץ שוואַכער קלינגען—, און דער שטאַרקער סימבאָלישער קעגנזאַץ פֿון „כּולו זכּאי—כּולו חייב". דער צווייטער מאָטיוו דערהייבט די פּיעסע פֿון דער שטייגער שילדערונג פֿון אַ „חסידישער פֿאַמיליענדראַמע" צו אַן אוניווערסאַל־מעטאַפֿיזישער הייך. די געשיכטע פֿון דער „גאָלדענער קייט" ווערט אַ דיאַלעקטיש פּראָבלעם. און זיינע טרעגער זענען שלמה, פּנחס, יונתן, אינדירעקט מרים, ווי אַ רעפֿלעקס פֿון דער גרויסער און ליכטיקער פּערזענלעכקייט פֿון שלמהן. און דאַן בלייבט נישט קיין פּלאַץ פֿאַר משהן. ער

ווערט א געשיפטלאז רינגל אין דער קייט. ווארום פריער האט ער געקאנט סימבאליזירן דעם עלנט פון דער ירידה. אבער איצט האט זיך דער שווערפונקט אנדערשוואו איבערגעטראגן. ער—און דער דריטער אקט—ווערן איצט א פיעדעסטאל צום אויפטריט פון יונתן. און די נסיון-פראגע — צי מען מעג פרווון גאט — פארלירט איצט איר שארפקייט, זי איז שוין מער נישט א פראבלעם, ווארום דער שטראם פון דער אקציע לויפט זי פארביי.

אינם וואריאנט E II אקט—קומט פאר פאלגנדיקער אינטע-רעסאנטער געשפרעך צווישן מרים און משהן:

משה

„און איך וואס בין, מרימל?
האב איך באגנישט אין מיין קינד? (דאס ווערט גע-
מיינט יונתן מ. ע.)

מרים

פון דיר? זיין אייגענע,
וואס ווערט באשטענדיק איבערוועלטיקט
פון זיידן און עלטער זיידן..."

מרים פארשווייגט משהס פראגן. זי זאגט אים נישט, ווער ער איז. אבער אומדירעקט זאגט זי בולט ארויס, אז יונתן האט אין זיך גארנישט פון זיין פאטער משהן, ער האט „זיין אייגענע, וואס ווערט באשטענדיק איבערוועלטיקט" פון שלמהן און פנחסן. איבער משהן ליפט די דיאלעקטישע ליניע.

8. אינם וואריאנט C (1907) אין דער חורבן-מאטיוו נאך גאנץ שטארק. עס זאגט אים פאראויס מרים:

„ווינטן בלאזן,
יאגן זיך, טרייבן,
ארום הויז טרייבן זיי,
ארום הויז..."

און נאך שטארקער קלינגט ער אין לאהס מאנאלאג אינם II אקט, וועלכער פעלט אין אלע אנדערע וואריאנטן:

לאה

„דער עלטער-זיידע,



די טויב, די שטילע
בוסט ערגעץ ווייט, ווייט
ערגעץ אין שטוב,
איינער אליין,
קיינעם לאזט ישראל נישט צו—
קיינעם —

(אויפן זיידן)

דער —
מיטן בייזן געוויסן
לויפט מיט פינסטערע אויגן ערגעץ ארום
און ציטערט —
גובר געווען,
און נצחון — קאסט —
גרא און איינגעבויגן ווערט ער
פון מינוט צו מינוט...
און אין די ווינקעלעך
שלאגט זיך אונזער שווארצער טאטע ארום
און וויינט...

(טאן ענדערונג)

און מיר?
מיר ביידע,
מיר יתומים צוויי,
פארלאזענע, פארגעסענע,
ציטערן דא,
צאפלען דא,
איינגעהילט אין נאכט, אין שרעק!

(טאן ענדערונג)

א שרעקלעך פינצטערע נאכט!
וואלקן איבער וואלקן ציען,
כמארעס וויקלען זיך, גיסן זיך איבער...
און דער ווינט יאגט, קלאגט
רייסט דאך און וואנט — —

און די שטוב, די שאָטן...
נישט אָנגעצונדן קיין ליכט...
און אַ וועלט אַרום,
מיט שונאיםווימלט אַ וועלט — —
ער האָט דאָך מיט האַס און צאָרן
אָנגעפּולט די וועלט!
אַלץ אַרום
לאַקערט אויף אונזער לעבן,
לעכצט צו אונזער לעבן,
לעכצט צו אונזער בלוט,
צו אונזער קינדער-לעבן,
קינדער-בלוט...
צווישן די צווייגן
פון די אָרעמע בוימלעך דאָרט,
וואָס וועלקן
אַן דער מאַטעס אויג אין האַנט,
וואו די נאַכטיגאַל
האָט געזונגען איר —
נעכטן שדים,
רוחות רעות,
גאָט ווייסט וואָס...
מיט דורשטיק — בלוטיקע אויגן
קוקן זיי
צו אונז אַריין —
מיר כאַפּן זיך פאַר שרעק
ביי די הענטלעך אָן —
ס'ציטערט וואו אַ לויזע שויב,
אין דער לופט פון ערגעץ וואו אַ קלאַפּ,
צאַפּלען מיר,
שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ,
גליטשט זיך האַנט פון האַנט אַרויס—,
און מיר פאַלן,



און מיר שטרעקן, פאַלנדיק,
די הענטלעך אויס:
נאַ, נעם, נעם, קוילע, שחט...
נאָר איין עק זאָל זיין, איין עק—,
און אַזוי ליגן מיר — —"

דער דאָזיקער פראַכטפולער מאָנאָלאָג איז פון די שפּעטערדיקע וואַריאַנטן אַרויסגעפאַלן. ער איז געפאַלן אַ קרבן צוליב די קאָנסטרוקציע גופא. ווארום, וואָלט ער געבליבן, וואָלט ער געמוזט שלעפּן מיט זיך אַן אַנטשפּרעכנד טראַגישן סוף פון דער דראַמע. אויך דער טעמבר און די אַטמאָספערע וואָלטן געדאַרפט אַנטשפּרעכנד פינצטערער ווערן — אַן ערך, ווי אין מעטערלינקס „טענטאַזשילס טויט", אַזוי איז עס אָבער נישט. פונם וואַריאַנט C אַן פאַרענדיקט זיך די דראַמע תמיד מיטן אַרויסטריט פון דער „סינטעטישער" פיגור יונתן, וואָס נעמט איבער דעם רודער נאָך משה'ן. די פּיעסע ווערט אויס „פאַמיליענדראַמע" ס'האָט אויך געמוזט — צוליב די זעלביקע טעמים — אין די וואַריאַנטן D — E אַרויספאַלן דער עפּיזאָד מיטן גט'ן מרים'ן, וואָס האָט אינם וואַריאַנט C אַזאַ מין אויסזען: אין מיטן פון שלומהס מאָנאָלאָג, ביי די ווערטער וועגן משיח, וואָס זיצט אין די טויערן פון רוים און בינדט אויף די וואונדן:

„ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי אויף
און לייזן אויס די וועלט
קאָן ער נישט!") —

פאַרפאַרט אַ פויער אונטערן פענסטער מיט אַ פור. שלמה באַמערקט עס נישט. זיין מאָנאָלאָג גייט ווייטער. בשעתן טאַנץ (נאָך דער באַמערקונג, „דער הענגלייכטער קלינגט אַלץ שטאַרקער") קלאַפּט דער פויער שטיל אָן אין פענסטער. שלמה באַמערקט עס ווייטער נישט...

דער אַקט ענדיקט זיך אַזוי:

שלמה
(צרויסבייענדיק מיט די הענט איבערן קאָפּ).
מיין זון... מיין שוואַרצער זון... (אָפּ)

**י ש י ש י ם**

(ווילן נאָכגיין).

**מ ר י ם**

(גייענדיק צו:טער די ישישים)

דער שוואַרצער וואָלקן, דער שוואַרצער.

**י ש ר א ל** (שאַרף)

משה!

**י ש י ש י ם און מ ר י ם**

(קערן זיך דערשראָקן אום).

**מ ש ה**

וואָס—וואָס?

**י ש ר א ל**

דער טאַטע, ר' פּנחסל רופט!

**מ ר י ם** (אין פּלוצלינגער שרעק).

גיי נישט!

**י ש ר א ל**

כבוד אב!

**מ ש ה** (פאַלט צוזאַמען, בייט האַקלדיק אָפּ).

**פ ו י ע ר** (אַנקלאַפּנדיק)

פּאַניע ראַבּיניע!

**י ש ר א ל**

זאַראַז!—מרימל!

**מ ר י ם**

כ'גיי צו מיינע קינדער...

צו מיינע שמייכלענדיקע קינדער...

**י ש ר א ל** (פאַרשטעלנדיק איר דעם וועג).

די קינדער בלייבן דאָ...

די פור איז פאַר דיר—

ציפּע וועט דיך אָפּפירן אַהיים



**י ש י ש י ם** (צולויפנדיק מיט פויסטן).

וואָס איז דאָס?

ווער האָט דאָ צו שאַפן?

ווער האָט געהייסן?

**י ש ר א ל** (שניידנדיק)

דער רבי!

דער רבי—ר' פּנחסל!

**י ש י ש י ם**

ווער האָט'ם געמאַכט פאַר רבי?

ווער?

ווער?

**י ש ר א ל**

דער עולם!

(פאָרהאַנג).

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז אַשפּור פון די וואַריאַנטן A—B. צוזאַמען מיט אים פאַרשווינדט אויך די דינסט ציפּע, וואָס האָט געדאַרפט פאַר די קינדער היטן דאָס בילד און די טראַדיציעס פון זייער מאַמען. צווישן דעם ערשטן און צווייטן אַקט (C) שטאַרבט מרים. אין די אַנדערע וואַריאַנטן איז מרים דאָס א י י נ צ י ק ע ווייב משהס. דבורה ווערט אינם לעצטן וואַריאַנט (E) איבערגערוקט אַלס פּנחסעס ווייב. וואַרשיינלעך, בכדי צו פאַרפולן דעם בלויז— אין אַלע אַנדערע וואַריאַנטן הערן מיר גאָרנישט וועגן פּנחסעס ווייב. אינם וואַריאַנט D פעלט דבורה לגמרי (צוליב א דרוק-טעלער איז נאָך אין דער פּערזאָנען-רשימה איר נאָמען אָפּגעדרוקט).

9. כאַראַקטעריסטיש זענען די אַלע ענדערונגען: חורבן בית צדיק—נסיון—גאָלדענע קייט. די ערשטע צוויי באַדייטן נישט קיין ענדערונג: „חורבן בית צדיק“ האָט מיטן זעלביקן ערפאָלג געקאָנט הייסן „נסיון“, און פאַרקערט. דער נאָמען איז אינם וואַריאַנט B געענדערט געוואָרן, מן הסתם, בכדי אונטערצושטרייכן, אז ס'איז א נייע, באַאַרבעטע און געענדערטע פּיעסע. די דריי שפּעטערדיקע וואַריאַנטן טראָגן שוין דעם דיאַלעקטישן טיטל „די גאָלדענע קייט“.

דער דאָזיקער אויסדרוק איז שוין דאָ אינם ערשטן וואַריאַנט (חור…
בית צדיק) („צנתרא דדהבא״—אני האחרון בשלשלת״ א. אַז. וו…
פונם וואַריאַנט C איז דער דיאַלעקטישער זאַץ שאַרף אויס…
געבויט. אינם וואַריאַנט C טרעט נאָך נישט אַרויס פנחסנ׳ס אי…
דעאָלאָגיע דירעקט, אין דער פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג. אינדירעק…
— גענוג בולט — ווערן שלמה און פנחס כאַראַקטעריזירט או…
אַנטקעגנגעשטעלט אינם ציטירטן מאָנאָלאָג פון לאה׳ן — אינ…
II-טן אַקט. אין די וואַריאַנטן D—E ווערט דער צווייטער אַקט אי…
גאַנצן איבערגעאַרבעט, ער קומט שוין נישט פאָר אין לאה׳ס צי…
מער, — נאָר אין דעמזעלבן צימער, ווי אינם I אַקט. אינם וואַ…
…יאַנט D האַלט שוין פנחס אַ קורצן מאָנאָלאָג — פרץ האָט דע…
מאָנאָלאָג ברייטער און טיפער אויסגעבויט אינם וואַריאַנט E.

### וואַריאַנט D

**פנחס**

(באַווייזט זיך אין טיר פון בית-מדרש, קערט זיך נאָך אום צו די פרעמדע…
יידן, וואָס גייען אים נאָך).

שוין געזעגנט
אומזיסטע רייד.
מיט שרעק זייט איר געקומען,
אין שרעק גייט אייער וועג...
כלו זכאי מוז זיין!
איך לייטער די וועלט, ווי זילבער,
מיט פייער — זאָגט גאָט.
ווינטן האָב איך אויף איר געשיקט,
אַלע עקן אָנצוכאַפן,
אויסשאָקלען די זינט...
און זינדיקע ווי דערנער
מוזן אויסגעריסן ווערן —
גייט!

### וואַריאַנט E

אומזיסט!



מיט שרעק זענט איר געקומען,
מיט שרעק וועט איר גיין...
מיט שרעק איז געפלאַסטערט אייער וועג...
(מאַכט עטלעכע טריט אין צימער אריין, עטלע-
כע פרעמדע קומען נאָך, אַנדערע בלייבן אין טיר).

**אַ פרעמדער חסיד**

איר מאַכט חרוב אַ וועלט!

**פנחס**

כלו זכאי מוז זיין!
„איך לייטער די וועלט ווי זילבער
מיטן פייער״ — זאָגט גאָט!
ווינטן שיקט ער אַרויס,
וואָס טרייסלען פון איר
די זינט!
„שירת דוד לכרמו״, —
זיין וויינגאָרטן פון זיין האָט געפלאַנצט
זעגען מיר —
און דער שטורעם זינגט:
דערנער אויסגעריסן,
און פאַרטיליקט דאָס ווילדע גראָז!

**אַ פרעמדער**

אָבער, רבי — —
דאָס האַלט נישט אויס דער עולם·
דער צבור האַלט עס נישט אויס!

**פנחס** (סאַרקאַזם)

עולם... ציבור!
ווער דאַרף איין עולם!
ווער דאַרף דעם ציבור!
און ווען אַ ריינער מנין בלייבט
און ווען נאָר איינער!
אַ געטרייער וואַסער-טרעגער!

מיטן שטריק ארום די לענדן,
און מיט אלע גריזן זיינע זאל ער
תהילים שרייען!
וועט שוין זיין א פרייד אין הימל
אין גהינום — א מהומה...
ווען א דאך-באשלעגער בלייבט!
צום הימל שליידערן
מיט כוח „שמע ישראל"! —
זאל איין ייד!
און ווען א קרעציקער!
מיט דער נשמה פאלט ער
און מיטן לעצטן אטעם רופט ער
גאטס נאמען;
באנייט און אויסגעלייזט
ווערט די וועלט
און דאס גהינום — פאלט...
איין גאט
און איין ייד זאל זיין
נאר מיט מסירת נפש
מיט קדוש-השם...
און איר עולם גייט!

פנחס'נס מאנאלאג איז דא באדייטנד שטארקער און שענער
עס איז אויך בולטער געווארן דער שטריך פון פאראכטונג צום
עולם, וואס פארבינדט ביידע גרויסע געשטאלטן — דעם שבתדיקן
שלמה מיט זיין „שווארצן" זון.

עס דארף נאך פעסטגעשטעלט ווערן; אין קיין שום
חאריאנט איז יונתן נישט געצייכנט אלס סינטע-
טישע געשטאלט. אומעטום איז ער א געשטאלט, וואס ווא-
קלט זיך צווישן שלמהן און פנחסן. אמבולטסטן דריקט עס אויס
דער ווארשאנט E, וואו מרים זאגט קלאר: „ארים קינד.. צווי
נשמות ראנגלען זיך, אומגליקלעך קינד, אין דיר.. — דעם זיידנס
און עלטער-זיידנס". יונתן איז שוין אבער אויך נישט דער צוויפ



לער פון די ערשטע צוויי ווארשאנטן; ווען זיינע אמונה-טויבן זע-
גן טויט — איז עס בלויז א נישט אקטועלע רעמיניסצענץ.

10. און אט זענען מיר צוגעקומען צום אכילעס-פערז פון
דער „גאלדענער קייט". בלי ספק זענען שלמה און פנחס געצייכנט
אין גרויסע קאנצעפציע. עס איז נישט אונזער אויפגאבע קאמענטירן
די דאזיקע סימבאלן — צו איז עס די אייביקע סתירה צווישן אי-
דעאל און ווירקלעכקייט, — אנארכיע אין טיפסטן זין פון ווארט
— און ארגאניזאציע, — אינדיווידואליזם און קאלעקטיוויזם, —
ליבעראליזם און פוריטאניזם? עס וועט געווען זיין פעסטצושטעלן
אז ס'איז פרצן געלונגען שאפן א סימבאלן-טאר, וואס וועט תמיד
און תמיד אנגעפילט ווערן מיט א נייעם קאנקרעטן אינהאלט, וואס
וועט תמיד אויפסניי קאמענטירט ווערן און תמיד ווי א מין אלע-
גאריע באהאנדלט ווערן. צו לאזן זיך ביידע וועלט-אנשויאונגען
סינטעזירן? ווארשיינלעך האט פרץ געגלויבט אין דער מעגלעכ-
קייט פון אזא מין סינטעז. ער איז אבער נישט געווען אימשטאנד
געפינען אן אנטשפרעכנדיקע פארם פאר אזא מין געשטאלט. די
קאנסטרוקציע-שוואכקייט איז דא בלי-ספק געפלאסן פון אן אי-
דעאישער שוואכקייט. אויפשטעלן א דריטע מעגלעכקייט — אין
דער פארם פון דער סקעפסיס — ווי דאס האט געטאן אפאטאש
אין זיינע „פוילישע וועלדער", אפשליסנדיק „די גאלדענע קייט"
מיט זיין מענדעל קאצקער, וואס שטייט שוין מחוץ שלמהן און
מחוץ פנחס'ן? אזוי צו אזוי — יונתן איז ביכער א געשטאלט, אין
וועלכער סיראנגלען זיך ביידע עקסטרעמען. און אזא גע-
שטאלט פירט ארויס די דראמע פון איר דיאלעק-
טישן וועג צוריק צום חורבן-מאטיוו.
„די גאלדענע קייט איז אין איר אידעאישן
פראבלעם נישט אפגעשלאסן.

מיט דעם בינדט זיך אבער א צווייטע — איצט שוין קאנסט-
רוקטיווע — צרה; פונם ווארשאנט D אן זענען אלע דריי אקטן טא-
ראלעל געבויט אויף אזא אופן: אריינפירנדיקער טייל — גע-
שפרעכן פון געשטאלטן, וועלכע גרייטן צו די אטמאספער און
צייכענען אן דעם טעמפ פונם אקט. דאן דער ארויסטריט פון



eretz unsuccessful
finding the
synthesis —
ultimately
returns to the
חורבן-מאטיוו

דער הויפט-פיגור — אינם ערשטן אַקט שלמה, אינם צווייטן פנחס
אינם דריטן משה. דאַן דער סוף — ס'ווערט צוזאַמענגעבראָ
דורך אַן אויסערלעכן כּוח די אידעע און די האַנדלונג פונם הויפט
העלד. ווען דער כּוח, וואָס צעבּרעכט אַלע פּלענער פון שלמה
איז פּנחס — איז עס שטאַרק און אמת דראַמאַטיש. ווי עס אי
אויסגעהאַלטן — פונם קאָנסטרוקציע-שטאַנדפּונקט — איז דע
צוזאַמענשטויס צווישן משה'ן און יונתן. (זי איז, אמת, אידעאי
נישט אויסגעהאַלטן: וואָרום אין דער געשטאַלט פון משה'ן ווער
נישט באַווייטיקט אַ דיאַלעקטיש-ווירקנדיקער כּוח). ווער שטעל
זיך אָבער אַנטקעגן פּנחס'ן? די אומגליקלעכסטע שאַפונג אין דע
דראַמע איז די אומגעלומפּערטע געשטאַלט פון ד"ר בערגמאַנע
וואָס איז כּסדר געהאַלטן שיער נישט אין קאַריקאַטור-ליניען. א
די דאָזיקע נישטיקייט דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן דער הויכע
כּמעט שטאַטישער פיגור פון פּנחס'ן. דער גאַנצער עפּיזאָד מי
דער אַסעקוראַציע איז אַ באַווייז פלאַכקייט. דערצו לאָזט זי
דער ד"ר בערגמאַן בשום אופן נישט פאַרטיפן אָדער סימבאָליזיר
פּרץ האָט געפּרואווט זיך געבן אַן עצה אויף אַן אַנדערן ווע
אַראָפּפירנדיק די פּיעסע צום ניוואָ פון ד"ר בערגמאַנען, צוריק
פירנדיק זי צום רעאַליסטישן אויסגאַנגס-פּונקט. פּרץ באַמיט זי
טאַקע אינם וואַריאַנט E ברייטער אויסבויען די ראָל פון בערגמאַ
נען — און פירט איבער די גאַנצע פּיעסע, נישט קוקנדיק אוי
מאַנכע מעלות (די פאַרברייטערונג פון פּנחס'נ
מאַנאָלאָג) איז דער וואַריאַנט E אַן איבערגעפירט
אויסגאַבע פונם וואַריאַנט D. די בנעזונג פון דער דר
מע האָט געקאָנט גיין נאָר אויפן וועג פון אַרויסטרייבן ד"ר בער
מאַנען. פּרץ האָט אָבער נישט געהאַט וועמען אַריינצושטעלן אוי
זיין אָרט. דער גאַנצער השׂכּלה-מאָטיוו — מיט אים דער צווייט
אַקט — איז געבליבן דער שוואַכסטער פּונקט פון דער „גאָלד
נער קייט", איר אָפענער וואונד. מיט אים איז די גאַנצע פּיעס
פאַרהאַנגען געוואָרן אין דער לופטן: צווישן דעם קלאַסישן I אַק
און דעם שיינעם III אַקט פעלט די בריק.
11. פאַרגלייכנדיק די 5 וואַריאַנטן, באַקומט זיך אַלזאָ



Each of the
patriarchs has his
nemesis – except
Pinkhes who is
opposed by the
caricature figure of
Dr. Bergman.
Peretz couldn't get
rid of him – hence
the impossibly weak
2nd act.

סין בילד: די ערשטע צוויי וואַריאַנטן (A—B) בילדן איין גרו-
פּע, מיט אַ דאָמינירנדיקן חורבן-מאָטיוו. אין דעם וואַריאַנט B
באַווייזט זיך אַ — וואָרשיינלעך סינטעטישע — געשטאַלט, ר' מענ-
דעלע, וועלכע איז דער אויסגאַנגס-פּונקט צו די ווייטערדיקע דריי
וואַריאַנטן, — מן הסתם איז די דאָזיקע געשטאַלט געשפּאָלטן גע-
וואָרן אין צוויי אַנטקעגנגעשטעלטע טיפּן — שלמה-פּנחס. די לעצ-
טע דריי וואַריאַנטן בילדן ווידער צוויי גרופּן: וואַריאַנטן D—E
בילדן אַ געמיינזאַמע גרופּע, מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם דיאַלעק-
טישן מאָטיוו און מיט שוואַכע רעמיניסצענצן פונם חורבן-מאָטיוו,
וועלכע זענען נישט אומעטום אָרגאַניש צוזאַמענגעפלאָכטן. דער
וואַריאַנט C פאַרנעמט אַ פאַרמיטלענדיקע שטעלונג: ביידע מאָ-
טיוון זענען אין אים כּמעט גלייך פאַרטראָטן. ער אונטערשיידט
זיך פון די וואַריאַנטן D—E הויפּטזעכלעך מיט זיין צווייטן אַקט,
וואו די הויפּט-פיגור איז לאה (צוליב דעם שפּילט זיך אָפּ דער
אַקט אין לאהס צימער) און פּנחס טרעט אַרויס כּמעט עפּיזאָדיש —
זיין אידעאָלאָגיע ווערט אין דער זייט סקיצירט.
דעם וואַריאַנט D צייכנט אויס אַ גרעסערע סימבאָליזירונג
לגבי דעם וואַריאַנט E. דער עפּיזאָד מיטן דאָקטאָר בערגמאַן
פאַרנעמט אין D אַ קליינעם פּלאַץ, בעת אין B ווערט ער אַן
אַן ערך עפּעס דערמאָנט. דער ערשטער אַקט הויבט זיך שוין אָן
מיט געשפּרעכן וועגן דעם דאָקטאָר. ער ענדיקט זיך נאָך ישׂראלס
קלאַסישן זאָץ: „זעגט אייך, רבי..." מיט דבורהס אַן אויסגעשריי:
„דער יונגער דאָקטאָר וויל צום שווער" — וועלכער פירט איבער
דעם גאַנצן שיינעם סוף פונם I אַקט פון דער „גאָלדענער קייט".
כאַראַקטעריסטיש איז אויך, אַז די ישישים באַקומען אין E קאָנ-
קרעטע נעמען: אברהם, למך, ביינוש. אויף אַזאַ מין אופן
באַטייט דער וואַריאַנט E אַן איינלענקען צוריק
צו דער רעאַליסטישער ליניע.
12. ביז האַרט פאַר דער מלחמה — אַלזאָ קרוב 11 יאָר —
האָט פּרץ געאַרבעט איבער דער „גאָלדענער קייט". פון אַ שוואַ-
כינקן „חורבן בית צדיק" איז זי אויסגעוואַקסן אין אַ מעכטיקער
סימבאָלישער דראַמע מיט אַן אַלמענשלעכן אינהאַלט, מיט אוניווער-

טאָלע פּראָבלעמען. „די גאָלדענע קייט" איז געבליבן נישט אָפּגע-
שלאָסן, און מיר זענען זיכער, אַז ווען פּרץ וואָלט געלעבט, וואָלט
ער ווידער און ווידער צו איר צוריקגעקומען, — ווי תמיד, קרי-
טיש צו זיין אייגענער שאַפונג, נאָכטראַכטנדיק און אַנאַליזירנדיק
און — באַוואונדערנדיק די לאָגיק פון קונסטווערק, וואָס איינ-
מאָל באַשאַפן, הויבן זיי אָן לעבן אַן אייגענעם
לעבן, באַשאַפן זיך אייגענע געזעצן און שטרעבן
צו אומאָפּהענגיקייט סיי פונם לעזער — סיי אַפילו
פון זייער פאָטער-מחבר.



# צו דער קאנסטרוקציע פון „ביינאכט אויפן אלטן מארק"